# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:21
מוצאי שב"ק.................8:50

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.................ישעיה כ"ו-כ"ז
בבלי.................קידושין י"ג
ירושלמי.................מעשרות י"ב
תוספתא.................טהרות ז'
רמב"ם.................שבת י"ח

פרשת כי תצא, ט' אלול, אבות פרק א'-ב', שנת תשפ"ג לפ"ק
שנה 12, גליון 48 (618)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ.**

רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ק"י) אַז אֵיינֶער הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "וִוי אַזוֹי אַרְבֶּעט דִי בְּחִירָה?" הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "עֶס אַרְבֶּעט זֵייעֶר פָּשׁוּט. אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט, טוּסְטוּ; אוּן אוֹיבּ ווִילְסְטוּ נִישְׁט, טוּסְטוּ נִישְׁט"... שְׁרַייבְּט אוֹיף דֶעם רֶבִּי נָתָן אַז דָאס אִיז זֵייעֶר אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ צוּ ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען, וַוייל עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק צוּגֶעוואוֹינְט צוּ זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, צוּ זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת, אַז זֵיי רֶעדְן זִיךְ אַיין אַז זֵיי הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט קַיין בְּחִירָה אוֹיף דֶעם, זֵיי קֶענֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן. דָאס אִיז אָבֶּער נִישְׁט אֱמֶת, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ הָאט שְׁטֶענְדִיג אַ בְּחִירָה, אַז עֶר ווִיל טוּט עֶר, אוּן אַז עֶר ווִיל נִישְׁט טוּט עֶר נִישְׁט.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, כִּי תֵצֵא, גְלַייךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיס אוֹיף דֶער וֶועלְט, לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶיךָ, דַארְף עֶר שׁוֹין פִירְן אַ מִלְחָמָה מִיט זַיין פַּיינְט וָואס דָאס אִיז דֶער יֵצֶר הָרַע, וָואס ווִיל אִים מַאכְן טוּן עֲבֵירוֹת. אָבֶּער מֶען דַארְף גֶעדֶענְקְן אַז, וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ בְּיָדֶךָ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אִין דַיינֶע הֶענְט, אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט קֶענְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף אִים אוּן אִים נִישְׁט פָאלְגְן. אוּן נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ, דוּ קֶענְסְט נָאךְ צוּרִיק בְּרֶענְגְן נָאךְ מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זֵיי אַרוֹיס רַייסְן פוּן דִי הֶענְט פוּן יֵצֶר הָרַע.

דִי עֶרְשְׁטֶע שְׁטַאפְּל אִיז קוֹדֶם צוּ ווִיסְן בִּכְלַל אַז מְ'שְׁטֵייט אִין אַ מִלְחָמָה, סְ'זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס כַאפְּן בִּכְלַל נִישְׁט אַז זֵיי שְׁטֵייעֶן אִינְמִיטְן שְׁלַאכְט פֶעלְד, וֶוען מְ'וֵוייסְט כָאטְשׁ אַז מְ'אִיז אוֹיפְ'ן פְרָאנְט, מְ'אִיז יֶעדֶע מִינוּט אִין אַ סַכָּנָה גֶעכַאפְּט צוּ וֶוערְן דוּרְכְ'ן פַיינְט, דַאן פְּרוּבִּירְט מֶען כָאטְשׁ צוּ קֶעמְפְן, מְ'טוּט זִיךְ אָן מִיט שְׁטַארְקֶע פַאנְצֶערְס, מְ'נֶעמְט דִי גֶעוֶוער אִין דִי הַאנְט, אוּן אַזוֹי הָאט מֶען אַן הָאפֶענוּנְג צוּ בַּאזִיגְן דֶעם שׂוֹנֵא.

ווִי אַזוֹי קֶען מֶען דָאס בַּאוַוייזְן? דָאס קֶען מֶען נָאר טוּן מִיטְ'ן הִילְף פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִי חֲזַ"ל זָאגְן (קִידּוּשִׁין ל:) "אִלְמָלֵא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹזְרוֹ, לֹא יָכוֹל לוֹ", אָן דִי הִילְף פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט בֵּייקוּמֶען אַלֵיין דֶעם שְׁוֶוערְן יֵצֶר הָרַע.

וָואס אִיז אוּנְזֶער גֶעוֶוער? תְּפִלָּה אוּן הִתְבּוֹדְדוּת. דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג גֶערַאטֶעוֶועט צוּ וֶוערְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, וָואס ווִיל אוּנְז אוּנְטֶערְבְּרֶענְגֶען סֵיי בְּרוּחָנִיּוּת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת, אִיז נָאר דוּרְךְ אַסַאךְ רֶעדְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וּנְתָנוֹ ה' אֱלֹקֶיךָ "בְּיָדֶךָ", ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שְׁמוֹת י"ז, י"ב) וַיְהִי "יָדָיו" אֱמוּנָה עַד בֹּא הַשָּׁמֶשׁ, וָואס דֶער תַּרְגּוּם זָאגְט אוֹיף דֶעם "פְּרִיסָן בִּצְלוֹ", עֶר הָאט אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט זַיין הֶענְט מִיט אַ תְּפִלָּה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער יֵצֶר הָרַע וֵוייסְט אָבֶּער אוֹיךְ פוּן דֶעם סוֹד, אַז אוֹיבּ אַ אִיד וֶועט זַיין שְׁטַארְק מִיט תְּפִלָּה, עֶר וֶועט נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן בֶּעטְן אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועט עֶר אִינְגַאנְצְן פַארְלִירְן, דֶערְפַאר פְּרוּבִּירְט עֶר מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ שְׁטֶערְן אוּן שְׁוַואךְ מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן פוּן דֶעם אַלֵיין דַארְף אַ אִיד נֶעמֶען דִי חִיזּוּק זִיךְ יָא צוּ שְׁטַארְקְן מִיט תְּפִלָּה, וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ, מְ'דַארְף פַאנְגֶען דֶעם יֵצֶר הָרַע דַוְקָא מִיט דִי זַאךְ וָואס עֶר ווִיל מִיר פַאנְגֶען דֶערְמִיט, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כ"ו) אַז אַ אִיד דַארְף זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין, דַוְקָא אוֹיף דִי זַאכְן וָואס קוּמְט אִים אָן שְׁוֶוער, וַוייל דָארְט לִיגְט אוּנְזֶער הַצְלָחָה.

לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען אוּן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן בַּיי אִים אַלֶעס וָואס מִיר דַארְפְן, אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן וָואס מִיר גֵייעֶן דוּרְךְ, אִים אוֹיסְזָאגְן ווִי דֶער יֵצֶר הָרַע פַארְלֵייגְט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיף אוּנְז אוּן מִיר קֶענֶען זִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְן, אוּן אַז מִיר וֶועלְן זַיין שְׁטַארְק מִיט דֶעם, וֶועלְן מִיר סוֹף כָּל סוֹף קֶענֶען אִינְגַאנְצְן הַרְגִ'עֶנֶען דֶעם יֵצֶר הָרַע, אוּן סְ'וֶועט אוּנְז זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(זֹאת הַתּוֹרָה תֵּצֵא ב', שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ לְפַּרְשַׁת תֵּצֵא)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### עוֹלָם הַתּוֹהוּ

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז עֶס אִיז דָא אַמָאל אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְבְּט וֵוייסְט עֶר נָאכְנִישְׁט אַז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, אוּן מֶען טוּט אַ טוֹבָה פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, וֶוען מֶען זָאגְט אִים אַז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן. דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "עוֹלָם הַתּוֹהוּ", אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן מֵיינְט אַז עֶר לֶעבְּט נָאךְ.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַן עֵצָה אוֹיף דֶעם אַז מֶען זָאל זַיין בַּיי אִים דְרַיי צַייטְן אִין יָאר, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שַׁבָּת חֲנוּכָּה אוּן שָׁבוּעוֹת, אוּן אוֹיךְ אַז מֶען זָאל שְׁוֶוערְן אַז גְלַייךְ נָאכְ'ן שְׁטַארְבְּן וֶועט מֶען גֵיין צוּם רֶבִּי'ן, אוּן אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וֶועט דָאס טוּן וֶועט עֶר נִישְׁט הָאבְּן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם פוּן עוֹלָם הַתּוֹהוּ.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ רָב וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גוּטֶער פְרַיינְד מִיט אַ אִיד פוּן זַיין שְׁטָאט, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט אַז וֶוער פוּן זֵיי עֶס וֶועט שְׁטַארְבְּן פְרִיעֶר וֶועט קוּמֶען דֶערְצֵיילְן פַארְן צְוֵוייטְן אִין חָלוֹם וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען מִיט אִים אוֹיבְן. לְמַעֲשֶׂה אִיז דֶער רָב גֶעשְׁטָארְבְּן קוֹדֶם, אוּן דֶער אִיד הָאט

<<<<<<

## א גוט ווארט

קוּם אִין שׁוּל דַאוֶונֶען יֶעדְן טָאג דִי דְרַיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן. יֶעצְט בִּיסְטוּ שׁוֹין אַ טַאטֶע פַאר קִינְדֶער, דַארְפְסְטוּ דָאס טוּן פַאר זֵיי. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּפִילָה, סִימָן לו): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ בֵּית הַכְּנֶסֶת, וְאֵינוֹ נִכְנָס לְשָׁם לְהִתְפַּלֵּל, גּוֹרֵם גָּלוּת לְבָנָיו", וֶוער עֶס הָאט אַ שׁוּל אִינֶעם שְׁטָאט וואו עֶר וואוֹינְט אוּן עֶר גֵייט נִישְׁט דַאוֶונֶען אִין שׁוּל, בְּרֶענְגְט עֶר אוֹיף זִיךְ שְׁלֶעכְטְס, אוּן דִי קִינְדֶער וֶועלְן הָאבְּן אַ גָלוּת לֶעבְּן, דִי קִינְדֶער וֶועלְן זַיין פַארְוָואגְלְט, חַס וְשָׁלוֹם.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, קוּם אִין שׁוּל יֶעדְן טָאג דַאוֶונֶען דִי דְרַיי תְּפִילוֹת. אוֹיךְ, אוֹיבּ הָאסְטוּ פַארְפַאסְט דִי מִנְיָן - זָאלְסְטוּ דַאוֶונֶען אִין שׁוּל. אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, פָאלְג וָואס אִיךְ בֶּעט דִיר, נָאר דוּ וֶועסְט הָאבְּן פוּן דֶעם; דַאוֶוען אִין שׁוּל שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין, אֲפִילוּ דוּ הָאסְט פַארְפַאסְט דֶעם מִנְיָן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה עֵקֶב תשפ"ג)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

# וֶועק דִיךְ אוֹיף!

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מֶען בְּלָאזְט שׁוֹין שׁוֹפָר, מֶען דַארְף זִיךְ שׁוֹין דֶערְוֶועקְן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַּאר רֶבִּי נָתָן (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן לט) אוּם רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל: ״הַיינְט הָאבּ אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט בְּלָאזְן שׁוֹפָר; שְׁפֶּעטֶער אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר מַיין טָאכְטֶער אָדְל אוּן מִיר גֶעזָאגְט: ׳טַאטֶע, הַיינְט הָאבּ אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, אִיךְ הָאבּ תְּשׁוּבָה גֶעטוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט בְּלָאזְן שׁוֹפָר׳״, הָאט דֶער רֶבִּי דֶעמָאלְט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דֶעם תּוֹרָה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן קמא): אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם פָּסוּק (דְּבָרִים ל, ו): ״אֶ׳ת לְ׳בָבְךָ וְ׳אֶת לְ׳בַב״, וָואס אִיז נוֹטְרִיקוֹן דָאס וָוארְט ״אֱלוּל״; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר שְׁפִּירְט זַיינֶע זִינְד, עֶר כַאפְּט וָואס עֶר הָאט אַלְץ גֶעטוּן אוּן עֶר טוּט תְּשׁוּבָה דֶערוֹיף, דֶעמָאלְט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער - סַיי דִי קִינְדֶער, אוּן סַיי דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פוּן זִינְד - פְּגָמֵי הַבְּרִית - אַלֶע טוּעֶן תְּשׁוּבָה.

נֶעכְטְן לֵיל שִׁישִׁי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע שִׁיעוּר, אִיךְ הָאף דוּ הָאסְט גוּט גֶעהֶערְט וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט, פוּן אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי פַּיינְטְשַׁאפְט פוּן הָאַרְץ; וַוייל כָּל זְמַן מֶען קֶען נִישְׁט לַיידְן אַ צְוֵוייטְן - אִיז מֶען נָאךְ זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַארְף אוֹיף דֶעם אַסַאךְ אַרְבֶּעטְן, מֶען דַארְף אַסַאךְ שְׁרֵייעֶן בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס אִיז דָאס אַז אִיךְ בִּין אָנְגֶעגֶעסְן אוֹיף דֶעם אוּן אוֹיף יֶענֶעם? רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס אִיז דָאס אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט קוּקְן אַ צְוֵוייטְן אִיד אִין פָּנִים? וָואס אִיז דָאס אַז אִיךְ הָאבּ פַּיינְט אַ צְוֵוייטְן?״. מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, אַלֶע עֲבוֹדוֹת וָואס מֶען דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיבּ הָאט מֶען פַּיינְט אַ צְוֵוייטְן אִיד - לַאכְט מֶען אִין הִימְל פוּן דֶעם אִיד, יֶעצְט אֱלוּל מוּז מֶען דָאס פַארְרֶעכְטְן. מוֹהֲרָא״שׁ בְּרֶענְגְט בְּשֵׁם דֶעם הֵיילִיגְן אֲרִיזַ״ל, דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן שׁוֹפָ״ר אִיז (דְּבָרִים כט, יז): ״שׁ׳רֶשׁ פּ׳רֶה ר׳אשׁ וְ׳לַעֲנָה״, פְרֶעגְט מוֹהֲרָא״שׁ, לִכְאוֹרָה וָואס הָאט דֶער פָּסוּק מִיט בְּלָאזְן שׁוֹפָר? נָאר רַשִׁ״י זָאגְט, וָואס אִיז דָאס שׁ׳רֶשׁ פּ׳רֶה ר׳אשׁ וְ׳לַעֲנָה? ״שׁוֹרֶשׁ מְגַדֵּל עֵשֶׂב מַר כְּגִידִין שֶׁהֵם מָרִים, כְּלוֹמַר מַפְרֶה וּמַרְבֶּה רֶשַׁע בְּקִרְבְּכֶם״; דָאס הֵייסְט, וֶוען מֶען הֶערְט דֶעם שׁוֹפָר - דַארְף דָאס אוֹיפְוֶועקְן דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן זִיךְ דָאס רִשְׁעוּת וָואס לִיגְט אִין אִים וְכוּ׳, עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן קוּקְן גוּט אוֹיף אַנְדֶערֶע אוּן טוּן נָאר חֶסֶד מִיט אַנְדֶערֶע.

מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט בְּשֵׁם דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז דִי גֶעבּוּרְטְסְטָאג פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעפַאלְט אִינֶעם טָאג חַ״י אֱלוּל, דָאס קוּמְט אוּנְז וַוייזְן אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַ חַיּוּת אִין אֱלוּל; וַוייל בִּיזְן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מֶען תְּשׁוּבָה גֶעטוּן פוּן פַּחַד פוּן עוֹנְשִׁים, מֶען הָאט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן נִישְׁט רִיכְטִיג, נָאר פוּן צִיטֶערְן פוּן בִּיטֶערֶע פַּיין, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט חַ״י אֱלוּל - אַ ׳חַיּוּת׳ אִין ׳אֱלוּל׳, מֶען זָאל תְּשׁוּבָה טוּן פוּן לִיבְּשַׁאפְט. דֶער דֶרֶךְ הַבַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז תְּשׁוּבָה מֵאַהֲבָה, אוּן דֶרֶךְ הַמּוּסָר אִיז תְּשׁוּבָה מִיִּרְאָה; חַ״י אֱלוּל - אַ חַיּוּת אִין אֱלוּל.

אֵיינֶע פוּן דִי רְמָזִים אִינֶעם וָוארְט אֱלוּל אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אִ׳ישׁ לְ׳רֵעֵהוּ וּ׳מַתָּנוֹת לָ׳אֶבְיוֹנִים. מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, דִי עֲבוֹדָה פוּן אֱלוּל אִיז מַרְבֶּה זַיין לִיבְּשַׁאפְט, זִיךְ מוֹחֵל זַיין, זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן, זִיךְ פַארְגִינֶען; כָּל זְמַן מֶען הָאט פַּיינְט אַ צְוֵוייטְן אִיד - אִיז מֶען זֵייעֶר וַוייט פוּן תְּשׁוּבָה. מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט: ״אָדָם יָכוֹל לָקוּם בַּחֲצוֹת״, אַ מֶענְטְשׁ קֶען אוֹיפְשְׁטֵיין זָאגְן תִּיקּוּן חֲצוֹת, ״וּלְהִתְבּוֹדֵד״, אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״וְלִלְמֹד״, אוּן לֶערְנֶען, ״לַעֲשׂוֹת עֲבוֹדוֹת קָשׁוֹת״, אוּן טוּן שְׁטַארְקֶע עֲבוֹדוֹת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, ״אֲבָל הוּא שׂוֹנֵא אֶת הַזּוּלַת״, אוֹיבּ הָאט עֶר פַּיינְט אַ צְוֵוייטְן, ״עַל לֹא דָבָר״, פַאר גָארְנִישְׁט, ״אֲזַי לְמַעְלָה בַּשָּׁמַיִם צוֹחֲקִים מִכָּל עֲבוֹדוֹת הַקָּשׁוֹת שֶׁלּוֹ״, אִין הִימְל לַאכְט מֶען פוּן אַלֶע זַיינֶע עֲבוֹדוֹת, ״וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אוֹמֵר לוֹ״, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אִים, ״אֵיךְ אֲקַבֵּל אֶת הָעֲבוֹדוֹת שֶׁלְּךָ״, וִוי אַזוֹי וִוילְסְטוּ אִיךְ זָאל אָנְנֶעמֶען דַיינֶע עֲבוֹדוֹת, ״בְּשָׁעָה שֶׁאַתָּה שׂוֹנֵא אֶת הַזּוּלַת״, וֶוען דוּ הָאסְט פַּיינְט אַ צְוֵוייטְן, ״וְעוֹבֵר עַל (וַיִּקְרָא יט, יז) ׳לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ בִּלְבָבֶךָ׳״, (אֲשֶׁר בַּנַּחַל ו תשט).

אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וֶועלְן זִיךְ קֶענֶען לַיידְן, וֶועט אוּנְז דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגֶען אוֹיף זֵייעֶרֶע הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת, אוּן אוֹיבּ נִישְׁט, ווִיל אִיךְ נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס וֶועט זַיין. **אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שׁוֹפְטִים תשפ״ג)

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

גֶעוַוארְט אַז דֶער רָב זָאל קוּמֶען צוּ אִים אִין חָלוֹם אָבֶּער דֶער רָב אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען.

עֶס אִיז דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען צֶען יָאר אוּן דֶער אִיד הָאט שׁוֹין גֶעדַארְפְט שְׁטַארְבְּן הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פַאר זַיין זוּן, אָבֶּער דֶער רָב אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּם זוּן, נָאכְדֶעם אִיז דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען נָאךְ צֶען יָאר, אוּן דֶער זוּן הָאט שׁוֹין אוֹיךְ גֶעדַארְפְט שְׁטַארְבְּן הָאט עֶר דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר זַיין זוּן, אוּן אַכְט יָאר שְׁפֶּעטֶער אִיז דֶער רָב גֶעקוּמֶען צוּ דֶעם אֵיינִיקְל צוּ דֶערְצֵיילְן וָואס מִיט אִים אִיז גֶעשֶׁען.

עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן אוּן מֶען הָאט אִים בַּאגְרָאבְּן אוּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין קֵבֶר, הָאט עֶר גֶעמֵיינְט אַז עֶר לֶעבְּט נָאךְ אוּן עֶר אִיז נָאךְ גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, עֶר הָאט זִיךְ גֶערֶעגְט פַארְוָואס מֶען נֶעמְט אַ גֶעזוּנְטֶען מֶענְטְשׁ אוּן מֶען לֵייגְט אִים אַרַיין אִין קֵבֶר, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶר גֵייט פְּרוּבִּירְן אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן קֵבֶר, אוּן עֶס הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז עֶר קְרִיכְט טַאקֶע אַרוֹיס פוּן קֵבֶר, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט אַרַיינְצוּגֵיין אִין שְׁטָאט וַוייל עֶר הָאט אָנְגֶעהַאט ״תַּכְרִיכִים״, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט וַוארְטְן בִּיז בַּיינַאכְט אוּן דֶעמָאלְט וֶועט עֶר אַרַיינְגֵיין אִין שְׁטָאט, עֶר הָאט דֶערְקֶענְט פוּן דֶערְוַוייטְנְס זַיין שְׁטָאט מִיט דִי הַייזֶער אוּן אוֹיךְ זַיין הוֹיז, עֶר הָאט אָבֶּער גֶעטְרַאכְט אַז זַיין מִשְׁפָּחָה וֶועט זִיךְ דֶערְשְׁרֶעקְן וֶוען זֵיי וֶועלְן אִים זֶען.

אִינְצְוִוישְׁן הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט וִוי עֶר זֶעט אַ מֶענְטְשׁ וָואס פַּארְקוֹיפְט וֶועשׁ אוּן יֶענֶער הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט רֶבִּי׳שֶׁע וֶועשׁ, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר יֶענֶעם אַז עֶר זָאל זִיךְ טוֹישְׁן מִיט אִים, עֶר וֶועט אִים גֶעבְּן זַיינֶע תַּכְרִיכִים אוּן יֶענֶער זָאל אִים גֶעבְּן פַאר דֶעם גֶעהֶערִיגֶע וֶועשׁ, אוּן יֶענֶער הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן אִים גֶעגֶעבְּן גוּטֶע וֶועשׁ אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אַרַיין אִין שְׁטָאט, עֶר הָאט אָבֶּער גֶעזֶען אַז דָאס אִיז נִישְׁט זַיין שְׁטָאט, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶר הָאט אַרַיין גֶעבְּלָאנְטְשֶׁעט אִין אַן אַנְדֶערֶע שְׁטָאט, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַרוּם גֶעדְרֵייט אִין שְׁטָאט.

וֶוען עֶס אִיז גֶעוָוארְן נַאכְט, אִין אַלֶע הַייזֶער אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן טוּנְקְל, הָאט עֶר גֶעזֶען אַז אֵיין הוֹיז אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן לִיכְטִיג, אִיז עֶר אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין יֶענֶעם הוֹיז הָאט עֶר גֶעזֶען אַז מֶען קֶען דָארְט עֶסְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט צוּ מֶען קֶען אִים גֶעבְּן צוּ עֶסְן, הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט אַז נָאר אוֹיבּ עֶר הָאט גֶעלְט וֶועט מֶען אִים גֶעבְּן צוּ עֶסְן, מֶען דַארְף בַּאצָאלְן פַארְ׳ן עֶסְן, עֶר הָאט דָאךְ אָבֶּער נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין גֶעלְט אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען הוּנְגֶערִיג.

אִינְצְוִוישְׁן אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן טָאג, עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט דִי קוּרְצֶע זוּמֶער נֶעכְט, הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי צְוֵויי מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ, הָאט עֶר זַיי גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז אַ רָב אוּן עֶר קֶען זַיין מַאכְן אַ דִין תּוֹרָה אָדֶער אַ פְּשָׁרָה, הָאבְּן זֵיי מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן עֶר הָאט זַיי גֶע׳פַּסְקְ׳נְט אַן אֱמֶתְ׳ן דִין תּוֹרָה, אוּן אֵיינֶער פוּן זַיי הָאט אִים בַּאצָאלְט צְוֵויי גִילְדְן, אִיז עֶר צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען צוּ קוֹיפְן עֶסְן אוּן מֶען הָאט אִים צוּגֶעגְרֵייט אַ גְלֶעזְל בְּרוֹינְפְן.

אָבֶּער נָאךְ אֵיידֶער עֶר הָאט עֶסְפִּיעֶט אָנְצוּהוֹיבְּן טְרִינְקֶען, זֶענֶען גֶעקוּמֶען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן צוּ אִים אוּן אִים גֶעזָאגְט אַז זַיי קוּמֶען פוּן בֵּית דִין אַז עֶר מוּז שׁוֹין קוּמֶען מִיט זַיי צוּם בֵּית דִין, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז עֶר וִויל קוֹדֶם עֶפֶּעס עֶסְן וַוייל עֶר אִיז זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג, זֵיי הָאבְּן אִים נִישְׁט גֶעלָאזְט, זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קֵיין צַייט אוּן עֶר מוּז שׁוֹין קוּמֶען מִיט זֵיי אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

גֵּיין מִיט זֵיי.

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם בֵּית דִין, הָאבְּן זֵיי זִיךְ זַייעֶר גֶערֶעגְט אוֹיף אִים פַאְרוָואס עֶר - וָואס אִיז אַ פְּרֶעמְדֶער מֶענְטְשׁ - אִיז אַהֶער גֶעקוּמֶען אוּן עֶר פַּסְקְ'נְט דִין תּוֹרוֹת, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט: "אוּנְז וַוארְטְן שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אוּנְז אַז אוּנְז זָאלְן פַּסְקְ'נֶען אַן אֱמֶתְ'ע דִין תּוֹרָה אוּן יֶעצְט בִּיזְטוּ גֶעקוּמֶען דָא פַּסְקְ'נֶען אַן אֱמֶתְ'ע דִין תּוֹרָה?!"

הָאט דֶער בֵּית דִין גֶעהֵייסְן אַז מֶען זָאל זוּכְן בַּיי אִים אוֹיבּ עֶר הָאט גֶענוּמֶען שׁוֹחַד, הָאט מֶען גֶעזוּכְט אוּן מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן דִי צְוֵויי גִילְדְן, הָאט דֶער בֵּית דִין גֶע'פַּסְקְ'נְט אַז מֶען זָאל אִים אוֹיסְטוּן זַיינֶע וֶועשׁ אוּן אִים אַרוֹיס שְׁטוּפְּן פוּן דָארְט אוּן מֶען הָאט אַזוֹי גֶעטוּן. דֶער רָב אִיז אַרוֹיס זַייעֶר בְּרוֹגֶז אוּן פַארְשֶׁעמְט, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶס וָואלְט זִיךְ שׁוֹין עֶנְדֶערְשׁ גֶעלוֹינְט פַאר אִים צוּרִיקְצוּגֵיין אִין קֶבֶר אָבֶּער עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין תַּכְרִיכִים.

אִינְצְוִוישְׁן הָאבְּן דִי מַלְאָכִים וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן מִיט זַיינֶע מִצְוֹת אָנְגֶעהוֹיבְּן טַעֲנֶה'ען אַז מֶען זָאל אִים שׁוֹין אָפְּלָאזְן אוּן מֶען הָאט אִים טַאקֶע גֶעוָואלְט אָפְּלָאזְן אָבֶּער עֶר הָאט קוֹדֶם גֶעדַארְפְט אוֹיסְפִירְן וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט צוּ קוּמֶען אִין חָלוֹם צוּ דֶעם אִיד אוּן אִים דֶערְצֵיילְן וָואס מִיט אִים אִיז גֶעוֶוען, אוּן דֶערְפַאר אִיז עֶר גֶעקוּמֶען דֶערְצֵיילְן פַאר דֶעם אֵייניִקְל פוּן דֶעם אִיד דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען אַכְט אוּן צְוָואנְצִיג יָאר שְׁפֶּעטֶער.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי מַעֲשֶׂה הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אָבֶּער וֶוער עֶס וֶועט זַיין בַּיי מִיר דִי דְרֵיי צַייטְן אִין יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שַׁבָּת חֲנוּכָּה, אוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, וֶועט נִישְׁט בַּאקוּמֶען דִי עוֹנֶשׁ פוּן "עוֹלָם הַתּוֹהוּ".

מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אַז הַיינְט מֵיינְט דָאס אַז מֶען זָאל פָארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוֹיף אוּמַאן צוּם רֶבִּי'ן אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעהֵייסְן, אוּן שַׁבָּת חֲנוּכָּה אוּן שָׁבוּעוֹת זָאל מֶען דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען מִיט בְּרֶסְלֶבֶ'עֶ חֲסִידִים אוּן מִיט דֶעם וֶועט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן "עוֹלָם הַתּוֹהוּ".

מוֹהֲרָא"ש אִיז מַסְבִּיר פַארְוָואס מֶען דַארְף גֵּיין צוּם רֶבִּי'ן דַוְקָא אִין דִי צַייטְן, וַוייל רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועקְט דֶער רֶבִּי אוֹיף פוּן שְׁלָאף אַז מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן שָׁבוּעוֹת בַּאקוּמְט מֶען פוּן רֶבִּי'ן דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד וִוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן חֲנוּכָּה לֶערְנְט דֶער רֶבִּי אוֹיס צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר גֶעבְּט אוּנְז.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט הָאבְּן דִי זַאכְן, עֶר וֶועט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דֶעמָאלְט וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי לֶעצְטֶע טָאג וֶועט עֶר לַאכְן פוּן יֶעדְן, אַלֶע טִירְן וֶועלְן אִים זַיין אָפְן אוּן עֶר וֶועט גְלַייךְ אַרַיינְגֵיין אִין גַן עֵדֶן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ טוֹבוֹת)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# וִוי אַזוֹי שָׁאקְלְט מֶען זִיךְ אָפּ פוּן נֵייעֶס אוּן בְּלַאגְס?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ ווִיל אִיךְ גֶעבְּן אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי חִיזּוּק וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּט מִיךְ יֶעדְן טָאג דוּרְךְ דִי שִׁיעוּרִים.

צְווֵייטְנְס ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ זָאל זַיין וֶוייניִגֶער מְשֻׁעְבָּד צוּ אַלֶע סָארְט וֶועבְּזַייטְלֶעךְ, אִיךְ רֶעד פוּן הֵיימִישֶׁע כָּשֵׁר'עֶ וֶועבְּסַייטְס אוּן בְּלַאגְס, וִוי נֵייעֶס אוּן שְׁמוּעֶסְן וְכַדוֹמֶה. אִיךְ בִּין שׁוֹין בַּאלְד 40 יָאר אַלְט, אִיךְ וֶוער נִישְׁט יוּנְגֶער, אִיךְ דַארְף שׁוֹין בַּאלְד אָנְהוֹיבְּן טוּן שִׁידוּכִים מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן דֶערְוַוייל פַארְבְּרֶענְג אִיךְ מַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, רוֹב שָׁעוֹת פוּן טָאג קוּק אִיךְ נֵייעֶס אוּן נָאךְ, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מִיךְ גֶעבְּן אַ עֵצָה וִוי אַזוֹי אִיךְ קֶען אוֹיפְהֶערְן מִיט דִי זַאכְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, כ"ו מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ לֵיינְט נִישְׁט קֵיין צֵייטוּנְגֶען, בְּלַאגְס וְכַדוֹמֶה; דָאס אִיז גֶעמַאכְט פַאר נַארִישֶׁע מֶענְטְשְׁן. אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ פַארְשְׁטֵייט אַז דִי נֵייעֶס גֵייט אִיבֶּער אוּן אִיבֶּער, דִי נֵייעֶס דַארְפְן לִיאַרְמֶען פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה אַ טָאג, זֵיי מוּזְן צוּשְׁטֶעלְן נֵייעֶס – דֶערְפַאר דְרֵייעֶן זֵיי דִי מוֹחוֹת מִיט אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן; אַלֶע יָארְן גֵייט אִיבֶּער דִי נֵייעֶס אוֹיפְן זֶעלְבְּן וֶועג, נִישְׁטָא וָואס צוּ לֵיינֶען אוּן נִישְׁטָא וָואס צוּ הֶערְן, מֶען נַארְט אָפּ מֶענְטְשְׁן, מֶען פַארְדְרֵייט דִי מוֹחוֹת פַאר זֵייעֶרֶע אִינְטֶערֶעסְן.

אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ פַארְזוּכְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֶסְן, מֶען טְרִינְקְט פוּן דִי אוּנְגַארִישֶׁע וַויין – עֶקְלְט מֶען זִיךְ פוּן לֵיינֶען צֵייטוּנְגֶען אוּן לֵיינֶען בְּלַאגְס; וֶוער עֶס הָאט נָאר פַארְזוּכְט פוּן דִי 'אוּנְגַארִישֶׁע וַויין' – אִים קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט אָפְּנַארְן. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רס) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער וַויין סוֹחֵר, עֶר הָאט גֶעהַאט פוּן דִי בֶּעסְטֶע וַויין, דִי 'אוּנְגַארִישֶׁע וַויין'. אַמָאל אִיז עֶר גֶעפָארְן אוּנְטֶערְוֶועגְנְס אוּן דֶער מְשָׁרֵת אוּן דֶער בַּעַל עֲגָלָה הָאבְּן גֶעבֶּעטְן אוֹיבּ זֵיי קֶענֶען פַארְזוּכְן אַבִּיסְל פוּן דִי גוּטֶע אוּנְגַארִישֶׁע וַויין; דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן אַבִּיסְל צוּ פַארְזוּכְן פוּן דִי גוּטֶע וַויין.

אַפָּאר טֶעג שְׁפֶּעטֶער הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז דֶער מְשָׁרֵת אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין אַ קְלֵיין שְׁטֶעטֶעלֶע צוּ אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען הָאט גֶעטְרִינְקֶען וַויין, דִי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט דִי וַויין, זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז דָאךְ דִי גוּטֶע וַויין, דִי אוּנְגַארִישֶׁע וַויין", הָאט דֶער מְשָׁרֵת זֵיי גֶעבֶּעטְן אוֹיבּ עֶר קֶען אוֹיךְ טְרִינְקֶען אַבִּיסְל פוּן דִי גוּטֶע וַויין, דִי אוּנְגַארִישֶׁע וַויין; זֵיי הָאבְּן אִים גֶעגֶעבְּן אַבִּיסְל פוּן דִי וַויין, נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעטְרִינְקֶען דֶערְפוּן הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ זֵיי אוּן גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֵוייס אַז דִי וַויין אִיז נִישְׁט קֵיין גוּטֶע וַויין, עֶס אִיז בִּכְלָל נִישְׁט קֵיין אוּנְגַארִישֶׁע וַויין", אַלֶע הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן אוֹיף אִים, מֶען הָאט אִים גֶעשְׁלָאגְן, הֲיִתָּכֵן עֶר רֶעדְט אוֹיף דִי וַויין, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן בַּיי זַיינְס אוּן וַוייטֶער גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֵוייס אַז דִי וַויין אִיז נִישְׁט קֵיין גוּטֶע וַויין, עֶס אִיז בִּכְלָל נִישְׁט קֵיין אוּנְגַארִישֶׁע וַויין, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיי אַ גְרוֹיסֶער סוֹחֵר אוּן דָארְט הָאבּ אִיךְ פַארְזוּכְט פוּן דִי גוּטֶע וַויין וְכוּ'".

דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט דִי מַעֲשֶׂה אוּן גֶעזָאגְט: "לֶעָתִיד כְּשֶׁיָּבוֹא מָשִׁיחַ", וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, "אָז יֵדְעוּ כְּשֶׁיִּתְּנוּ יַיִן הַמְשֻׁמָּר", דֶעמָאלְט וֶועט אִיר וִויסְן וֶוען מֶען וֶועט אַייךְ גֶעבְּן פוּנֶעם יַיִן הַמְשׁוּמָר, "אֲזַי לַאֲחֵרִים יוּכְלוּ לְהַטְעוֹת וְיִתְּנוּ לָהֶם יַיִן וָואלִיחְשִׁין סְטְרָאוִויצְטֶיר וְיֹאמְרוּ לָהֶם שֶׁהוּא יַיִן הַטּוֹב הַמְשֻׁמָּר", אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וֶועט מֶען קֶענֶען אוֹיסְנַארְן, מֶען וֶועט זֵיי גֶעבְּן סְתָּם וַויין אוּן מֶען וֶועט זֵיי זָאגְן אַז דָאס אִיז גוּטֶע וַויין, דָאס אִיז דֶער יַיִן הַמְשׁוּמָר, "אֲבָל לְאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ לֹא יוּכְלוּ לְהַטְעוֹת כִּי אֲנַחְנוּ טָעַמְנוּ הַיַּיִן הַטּוֹב", אָבֶּער אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וֶועט מֶען נִישְׁט קֶענֶען פַארְנַארְן וַוייל אִיר הָאט שׁוֹין טוֹעֵם גֶעוֶוען פוּן דִי גוּטֶע וַויין.

אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים – קֶען שׁוֹין נִישְׁט סוֹבֵל זַיין דִי נַארִישֶׁע בְּלַאגְס, נַארִישֶׁע אַרְטִיקְלֶען. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנִּי", דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר, "שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶתְכֶם הָעוֹלָם", דִי וֶועלְט זָאל אַייךְ נִישְׁט אָפְּנַארְן, "כִּי הָעוֹלָם מַטְעֶה מְאֹד", וַוייל מֶען קֶען זִיךְ זֵייעֶר אָפְּנַארְן דָא אוֹיף דִי וֶועלְט. דֶער רֶבִּי לֵייגְט אַרַיין אֱמֶת, מוֹהֲרָא"ש זָאגְט: 'אֱמֶת' אִיז 'אֶהְיֶה מֵת', מֶען הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן: 'אִיךְ וֶועל בַּאלְד זַיין אַ נִפְטָר, אַ טוֹיטֶער, מַיין נְשָׁמָה וֶועט אַרוֹיפְגֵיין אִין הִימְל אוּן מֶען וֶועט אִיר פְרֶעגְן: "'עֲרוֹךְ מִקְרָא שֶׁקָּרִיתָ', זָאג וִויפִיל חוּמָשׁ דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט, 'עֲרוֹךְ מִשְׁנָה שֶׁשָּׁנִיתָ', זָאג וִויפִיל מִשְׁנַיוֹת דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט? וָואס וֶועל אִיךְ עֶנְטְפֶערְן? וָואס וֶועל אִיךְ זָאגְן? וָואס וֶועל אִיךְ טוּן מִיט אַלֶע אַרְטִיקְלֶען וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט? וִוי וֶועל אִיךְ קֶענֶען נֶעמֶען דִי בּוּשָׁה?'

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז דָא אַנְדֶערֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת וִוי דָא, אוֹיבְן אִיז חָשׁוּב פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת אוּן בְּלֶעטֶער גְּמָרָא, אוֹיבְן אִיז חָשׁוּב קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כג): "בָּעוֹלָם הַבָּא מֻנָּחִין כַּמָּה בְּנֵי אָדָם בַּחוּץ וְהֵם צוֹעֲקִים בְּקוֹל מַר", אוֹיבְן אִין הִימְל זֶענֶען דָא נְשָׁמוֹת וָואס שְׁרַייעֶן מִיט אַ בִּיטֶערֶע קוֹל: "תְּנוּ לָנוּ מַה לֶּאֱכֹל", גֶעבְּט אוּנְז עֶסְן מִיר זֶענֶען הוּנְגֶערִיג, גֶעבְּט אוּנְז טְרִינְקֶען מִיר זֶענֶען דוּרְשְׁטִיג, "וּבָאִין אֶצְלָם וְאוֹמְרִים לָהֶם: 'הֲרֵי לָכֶם אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה, אִכְלוּ וּשְׁתוּ'", מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי עֶסְן, מֶען זָאגְט זֵיי דָא הָאט אִיר פֵּיינֶע עֶסְן, מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי טְרִינְקֶען אוּן מֶען זָאגְט זֵיי דָא הָאט אִיר פֵּיינֶע טְרִינְקֶען, "וְהֵם מְשִׁיבִים: 'לֹא לֹא, אֵין אָנוּ צְרִיכִים אֲכִילָה זֹאת, רַק אָנוּ צְרִיכִים אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה שֶׁל תּוֹרָה וַעֲבוֹדָה'", דִי נְשָׁמוֹת שְׁרַייעֶן נֵיין, נֵיין, נִישְׁט דָאס מֵיינֶען מִיר, נִישְׁט דִי עֶסְן; מִיר דַארְפְן עֶסְן פוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען. "וְכֵן מֻנָּחִים כַּמָּה בְּנֵי אָדָם עֲרֻמִּים בַּחוּץ וְהֵם צוֹעֲקִים גַּם כֵּן מְאֹד", נָאכְדֶעם זֶענֶען דָא נְשָׁמוֹת וָואס שְׁרַייעֶן: "תְּנוּ לָנוּ בַּמֶּה לְהִתְכַּסּוֹת", בְּרֶענְגְט אוּנְז קְלֵיידֶער, מִיר דַארְפְן זִיךְ צוּדֶעקְן, "וּבָאִין אֶצְלָם וְאוֹמְרִים: 'הֲרֵי לָכֶם מַלְבּוּשִׁים'", מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי קְלֵיידֶער, מֶען זָאגְט זֵיי דָא הָאט אִיר קְלֵיידֶער, "וְהֵם מְשִׁיבִים: 'לֹא, אֵין אֵלּוּ מַלְבּוּשִׁים נִצְרָכִים לָנוּ כְּלָל'", זָאגְן זֵיי נֵיין, נֵיין, נִישְׁט דִי סָארְט קְלֵיידֶער דַארְפְן מִיר, "רַק אָנוּ צְרִיכִים מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים לְהִתְלַבֵּשׁ בָּהֶם", מִיר דַארְפְן קְלֵיידֶער פוּן מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ה, כא): "בֶּן אַרְבָּעִים לַבִּינָה", יֶעצְט אִיז אַ גוּטֶע צַייט זָאלְסְט אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, אוֹיךְ אִיז דָא אַ שִׁיטָה (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ל, ח) אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט בַּיי דִי פֶערְצִיג יָאר מַכִּיר גֶעוֶועןן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; יֶעצְט אִיז אַ צַייט זָאלְסְט זִיךְ בַּארֶעכֶענֶען אַז 'נָאךְ אַבִּיסְל גֵייעֶן מִיר אַהֵיים' אוּן זִיךְ אָנְפִילְן מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. וָואלְסְטוּ גֶעוֶואוּסְט וֶוער דִי שְׁרַייבֶּערְס זֶענֶען - וָואלְסְטוּ נִישְׁט גֶעלֵיינְט זֵייעֶרֶע אַרְטִיקְלֶען, עֶס וָואלְט דִיר נִישְׁט גֶעפַּאסְט צוּ שְׁטֵיין מִיט זֵיי אִין וָוארְט אוּן זִיכֶער נִישְׁט זִיךְ שְׁרַייבְּן מִיט זֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים. אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

(עֵצָתוֹ אֱמוּנָה שׁוֹפְטִים תשפ"ג)

## סימן טוב ומזל טוב

החתן **שלום אלי' פעלבערבוים** הי"ו
בן מו"ה **שמואל לייב פעלבערבוים** הי"ו
**צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג**
בת מו"ה **מרדכי אינדיג** הי"ו
**מנהל תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב**
***
מו"ה **מנשה איצקאוויטש** הי"ו
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**
***
מו"ה **ארי פיש** הי"ו
**צו די אפשערן פון זיין זון אליעזר שלמה נ"י למזל טוב**
***
מו"ה **יעקב לעזער** הי"ו **וזוגתו** תחי'
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

די חשובע **מרת לעזער תחי'**, די געטרייע **מנהלת פון בית פיגא ברסלב**, איז די רוקן-ביין פון די ברסלב'ע סקול, זי איז גאר שטארק איבערגעגעבן פאר די סקול, זיך אפגעבנדיג מיט יעדן קינד באזונדער מצליח צו זיין אויפ'ן שענסטן און בעסטן אופן. דער אייבערשטער זאל העלפן אז די גרויסע זכותים זאלן זיי ביישטיין צו זען פיל אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער געזונטערהייט

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# עפענונג פון תלמוד תורה היכל הקודש אין בני ברק

זה היום עשה השם נגילה ונשמחה בו, נאך דעם וואס עס גייען שוין אן מיטן אייבערשטנ'ס הילף צוויי תלמודי תורה היכל הקודש ארץ ישראל מיט א געוואלדיגע הצלחה, די ערשטע אין ירושלים עיה"ק און די צווייטע אין עיה"ק טבריה, האט מען מיט סייעתא דשמיא געעפענט די דריטע תלמוד תורה אין ארץ ישראל, יעצט איז געקומען די רייע אויפ'ן עיר התורה והחסידות בני ברק.

די תלמוד תורה וועט ווי די אנדערע תלמודי תורה היכל הקודש שטיין בנשיאות פונעם ראש ישיבה שליט"א, וואס וועט האלטן פאר די אויגן די ציל צו לערנען מיט די קינדער פון אנשי שלומינו אין בני ברק די ריינע אמונה, זיי זאלן אויפוואקסן פון די פריעסטע יוגענט וויסענדיג אז דער אויבערשטער איז שטענדיג מיט זיי, און מען קען אלץ אלעס בעטן פון אים. דא וועט מען מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף אויפציען תלמידים וואס וועלן ליב האבן דעם אייבערשטן, און וועלן וויסן אז דער אייבערשטער האט זיי ליב, זיי וועלן בעזר ה' אויפוואקסן מיט א ליבשאפט צו די תורה, א ליבשאפט צו די מצוות, און שפירן די חשיבות פון יעדע פשוטע מצווה.

די תלמוד תורה האט ברוך ה' געעפנט די טויערן דעם פארגאנגענעם וואך דאנערשטאג פרשת שופטים, א' דר"ח אלול הבעל"ט. דער ראש ישיבה שליט"א האט אהערגעשטעלט א געוואלדיגע געלונגענע שטאב, דער געטרייער גבאי פונעם בית המדרש אין בני ברק הר"ר אבא חייא רייזמאן שליט"א, הר"ר נחמן יצחק רעכניצער שליט"א, בראש פונעם מנהל הר"ר יצחק פאפענהיים שליט"א.

***

# נייעם בנין בית המדרש היכל הקודש אין אומאן

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפוויקלען פאר אנשי שלומינו די גוטע בשורה, אז מיר שטייען יעצט בעפארן לייגן דעם גרונדשטיין פאר א שפאגל נייעם בנין בית המדרש היכל הקודש אין אומאן, וואס וועט בעזרת השם יתברך דינען פאר א צענטער פאר תלמידי היכל הקודש דורכאויס די טעג פון ראש השנה.

אינעם יעצטיגן מאמענט האלטן מיר ביים אויסארבעטן די פלענער פאר'ן ריזיגן בנין, וואס עס וועט אלץ אנטהאלטן און ווי אזוי עס וועט זיין דאס בעסטע און פראקטישסטע אויסגעשטעלט פאר די באקוועמליכקייט פון אנשי שלומינו.

צו מאכן זיכער אז אלע פלענער זענען טאקע דאס פראקטישסטע און געשמאקסטע וואס שייך, מאכן מיר אסאך תפילות אז דאס זאל זיך אויסארבעטן על צד היותר טוב. אויך זיצן מיר מיט די גרעסטע ארכיטעקטן אינעם פעלד פון בויען בתי מדרשים, וואס זיי פארשטייען גוט ווי אזוי אהערצושטעלן א בנין בית המדרש אז עס זאל זיין פראקטיש, באקוועם, שיין און מאיעסטעטיש, אזוי ווי עס פאסט זיך פאר'ן "רבי'נס שול".

ווי מען האלט יעצט איז די פלאן צו בויען בעזרת השם יתברך א ריזיגע שיינע היכל בית המדרש מיט א גאלערי, אז עס זאל זיין באקוועם און קענען אקאמאדירן די פילע תלמידים פון דער ראש ישיבה, און אויך די נייע פרישע מקורבים וואס מערן זיך יעדעס יאר בלי עין הרע.

אזוי אויך איז דא א רעדע פון מאכן א חדר פאר די פאר טעג וואס מיר ווילן אין אומאן. היות אנשי שלומינו ברענגען מיט די קינדער ווי דער רבי האט געהייסן מען זאל קומען מיט די קינדער, וויל מען אוועקשטעלן א חדר, וואס זאל זיין באקוועם און שיין צוגעשטעלט פאר די מלמדים און די קינדער, אז די מלמדים זאלן קענען טון זייער עבודת הקודש אומגעשטערט, מיט הרחבת הדעת, און גלייכצייטיג זאל עס אויך זיין געשמאק און באקוועם פאר די קינדער.

אזוי אויך באטראכט די הנהלה פארשידענע אפציעס איבער צולייגן וואכנדיגע מנינים שטיבלעך, פאר די באקוועמליכקייט פון אנשי שלומינו, היות די ציבור האלט זיך אין איין פארגרעסערן כן ירבו, קומט שוין אויס אז עס שטעלן זיך כסדר מנינים לתפילה אין די וואכן טעג, און דערפאר פעלט זיך אויס צו האבן שטיבלעך אז די מנינים זאלן קענען אנגיין באקוועמערהייט.

אין די יעצטיגע טעג טוט מען אדורך די פלענער וויאזוי מען קען אויסנוצן דעם גרויסן שטח צו קענען אקאמאדירן די מאקסימום זיין פלעצער אין בית המדרש, און אזוי אויך אלע אנדערע איינצעלהייטן, ווי די בתי כבוד און סינקס ברווח, און אזוי ווייטער.

מיר האפן און בעטן דעם אייבערשטן אז אלע פלענער זאלן זיך טאקע אויסארבעטן, און אז דער בנין זאל טאקע זיין א פראכט פון א בית המדרש אזוי ווי עס פאסט פאר'ן "רבי'נס שול".

מיר וועלן מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף כסדר מודיע זיין און האלטן אינפארמירט אנשי שלומינו מיט די לעצטע אפדעיטס און ווייטערדיגע פלענער פאר'ן גרויסן בנין "דעם רבי'נס שול".


## ימים נוראים

שיעורים, דרשות, לימודים, נוסח, און נאך, זיך צוצוגרייטן מיט די ריכטיגע הכנה צו די הייליגע טעג וואס שטייען שוין ביים שוועל

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 1, 9, 1**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;**
**דעליווערט צו אייער טיר!**
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >